# פרשת שופטים א׳ – ז׳ אלול תשע״ו לפ״ק

***יום ראשון פרשת שופטים***

בשעות הצהרים יצא **רבינו שליט״א** בדרכו חזרה למעונו בעיר וויליאמסבורג יצ״ו, אחר שהותו במשך כל ימי הקיץ, ביחד עם תלמידי הישיבה, במחנה מתיבתא נחלת יעקב בלאק שעלדריק.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט״א** אצל החתונה של בן הרה״ג רבי **אשר האלברשטאם** שליט״א (בן כ״ק האדמו״ר מצאנז גריבוב שליט״א), עב״ג בת הרה״ג רבי **נפתלי קאהן** שליט״א (בן הגה״צ רבי אהרן קאהן שליט״א אב״ד דברי אמונה), שהתקיים באולם פרדס פיגא.

*

***יום שני פרשת שופטים***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן הר״ר **חיים מאיר לעבאוויטש** הי״ו, עב״ג בת הר״ר **בערל וויינבערגער** הי״ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא.

*

***יום שלישי פרשת שופטים***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט״א** אצל הברית של בן הר״ר **ישעי׳ פריעדמאן** הי״ו, שהתקיים בבית המדרש בית יצחק ספינקא. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט אין רמ״א אין הלכות מילה (יו״ד רסה-יא), אז מען איז נישט מכבד די עלטערן צוויי מאל, צו זיין סנדק ביי די קינדער, ווייל סנדקאות איז אזוי ווי מקטיר זיין קטורת, און אין בית המקדש איז געווען א פייס אויף אלע עבודות, און א כהן האט געקענט זוכה זיין מערערע מאל אין א געוויסע עבודה, אבער צו די קטורת האט מען אייביג גענומען נאר פרישע כהנים, וואס האבן קיינמאל פארדעם נישט מקטיר געווען די קטורת. חדשים לקטורת בואו והפיסו (יומא כו.), אלץ איז געווען נייע כהנים. ווייל אזוי ווי קטורת איז מעשרת, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים לג-י) ישימו קטורה באפך וגו׳, ברך ה׳ חילו, אז דער אייבערשטער טוט בענטשען די וואס לייגען די קטורת, האט מען געוואלט, אז יעדער כהן זאל זוכה זיין צו עשירות, האט מען עס אייביג געגעבן פאר א אנדערן כהן.

**אין שו״ת נודע ביהודא** (מהדו״ק יו״ד סימן פ״ו) איז דא א תשובה, אז א רב איז מען יא מכבד אז ער זאל זיין סנדק אפילו מערערע מאל. איך האב געזען א טעם דערויף, ווייל אזוי ווי מען געפונט אז א כהן גדול איז נוטל חלק בראש (יומא יד.), ווען ער האט געוואלט טון א עבודה, האט ער געקענט טון די עבודה. קומט אויס אז אפילו ווען עס איז געווען א פייס און מען האט מען אלץ גענומען א נייעם כהן פאר די קטורת, אבער ווען דער כהן גדול האט געזאגט, אז ער וויל גיין מקטיר זיין די קטורת, האט ער געקענט אריינגיין, און מקטיר זיין. א רב איז דער בחינה פון א כהן גדול, קען ער אויך זיין סנדק אפילו מערערע מאל.

**אבער** הא גופא קשיא, פארוואס טאקע האט א כהן גדול געקענט מקטיר זיין מערערע מאל. אז מען וויל אז יעדער זאל זוכה זיין צו עשירות, וואלט דאך דער כהן גדול אויך געדארפט מקטיר זיין נאר איין מאל, און די איבריגע זאל ער איבערגעבן פאר א צווייטן. בפשטות איז דער טעם, ווייל די מצוה פון וקדשתו (ויקרא כא-ח) וואס דער כהן גדול איז נוטל חלק בראש, שטייט העכער, און דאס וועגט איבער דאס ענין פון נעמען א נייעם כהן.

**עס** קען אפשר זיין, אז עס ליגט דערין נאך א טעם. אזוי ווי די הלכה איז, אז דער כהן גדול האט געדארפט זיין א עושר. והכהן הגדול מאחיו (ויקרא כא-י), גדלהו משל אחיו (יומא יט.). טאמער ער האט נישט געהאט קיין געלט, האט אים כלל ישראל געדארפט געבן געלט, כדי ער זאל זיין דער עושר. זעהט מען דאך, אז ביי א כהן גדול האט די תורה געהייסען אז יעדער איז מחויב מוותר צו זיין פון זיין געלט, כדי דער כהן גדול זאל זיין א עושר. ממילא ליגט א חיוב אויף אלע כהנים, מוותר צו זיין אויף זייער מקטיר זיין קטורת, אויף זייער עשירות, כדי דער כהן גדול זאל קענען זוכה זיין דערצו.

**נאר** עס קען זיין אביסל טיפער. איך האב געהערט נאכזאגן פונעם פריערדיגן **בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע**, אז אמאל זענען געקומען צו אים בעלי בתים פון א שטעטל, אז די עניות אין שטעטל איז זייער גרויס, עס איז ממש נישטא קיין פרנסה אין די שטאט. און זיי האבן געבעטן אז ער זאל זיי געבן א עצה, אדער א סגולה, און ער זאל מתפלל זיין אויף זיי. האט ער געזאגט, אז ווען עס ווערן געבוירן קינדער אין שטאט, זאל מען מכבד זיין דעם רב מיט סנדקאות. האט מען אים געפרעגט, מה ענין שמיטה אצל הר סיני, וואס האט א שייכות איינס מיטן צווייטען. האט ער געזאגט, אזוי ווי סנדקאות איז דאך אזוי ווי קטורת, און קטורת איז מעשרת, עס ברענגט עשירות. ווי אזוי קען א רב זוכה זיין צו עשירות, ער טוט דאך נישט קיין ביזנעס, ער זיצט דאך און לערנט א גאנצען טאג. אבער אז ער האט א רייכע קהלה, און זיי טוען אים אויסהאלטן בכבוד, איז ער זוכה צו עשירות. קומט אויס, אז טאמער מען גיט סנדקאות פארן רב, און עס איז באשערט פאר אים עשירות, מוזן די אנשי העיר זיין עשירים, כדי זיי זאלן קענען געבן די עשירות פארן רב. איז ממילא א סגולה פאר עשירות, אז מען זאל געבן סנדקאות פארן רב.

**דער** כהן גדול האט דאך אויך נישט געטון קיין ארבעט, און דער כהן גדול האט דאך געדארפט זיין 'הגדול מאחיו', ער האט געדארפט זיין דער גרעסטער עושר צווישן כלל ישראל. ווי אזוי קען ער זיין א עושר, איז דאך נאר, אז עס וועט נשפע ווערן עשירות פארן גאנצן כלל ישראל, און דורך דעם וועט ער קענען צוקומען צו זיין עשירות. האט דער כהן גדול געקענט מקטיר זיין די קטורת וויפיל מאל ער וויל, ווייל אז קטורת איז מעשרת, דארף דער כהן גדול ווערן א עושר. ווי אזוי ווערט ער א עושר, דורך דעם וואס די אנשי העיר האבן עשירות, קען עס נאכדעם אריבערגיין אז דער כהן גדול זאל ווערן א עושר. קומט אויס, אז ווען מען גיט פאר דעם כהן גדול אז ער זאל מקטיר זיין די קטורת, און ער זאל זוכה זיין צו עשירות, איז דער טייטש, אז די עשירות וועט זיין ביי כלל ישראל. קומט אויס, אז כלל ישראל האט גארנישט דערלייגט פון דעם וואס מען האט אים אוועקגעגעבן אז ער זאל מקטיר זיין די קטורת. מען האט נישט מוותר געווען פון די אייגענע עשירות, און מען האט עס אוועקגעגעבן פארן כהן גדול, ווייל די עשירות פונעם כהן גדול נעמט זיך פון דעם וואס כלל ישראל וועט האבן, וועגן דעם האט דער כהן גדול געקענט מקטיר זיין קטורת ווען ער האט געוואלט.

*

**די** וועלט זאגט, 'כשם' שנכנס לברית, מיט דעם נאמען וואס מען האט געגעבן פארן קינד, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. מען האט א נאמען געגעבן נפתלי, נאכן זיידען רבי נפתלי פרענקל, ער איז באמת געווען א חשובער יוד, איך האב אים געקענט פון די נאנט. **מיין טאטע זכרונו לברכה** פלעגט נישט קויפן קיין חמץ צווישן פסח און שבועות, נאר וואס מען האט פארקויפט ביי אים. און רבי נפתלי פלעגט צו פארקויפן די חמץ פון זיין גראסערי ביי מיין טאטן ז"ל, און כאטש מיין טאטע ז"ל האט פארקויפט פאר אנדערע געשעפטן אויך, האט ער נאך פסח נאר געקויפט ביי רבי נפתלי. ווייל די הלכה איז, ווען מען פארקויפט פאר איינעם זיין הויז, מיט אלע זאכען וואס ליגט אינווייניג, איז די מכירה נישט א מכירה, עס איז א אסמכתא. יענער ווייסט נישט אין וואס ער גייט אריין. ער ווייסט נישט צו די הויז איז פיל מיט זילבער און גאלד, אדער עס איז פול מיט ליידיגקייט, ממילא איז עס נישט א מכירה. א מענטש מוז האבן סמיכת דעת, כדי עס זאל חל זיין א קנין (עיין שו"ע חו"מ סימן רט).

**עס** איז דא א שמועס איז די פוסקים (עיין **ביאור הלכה** סימן תמ"ח ד"ה בדבר מועט), וואס איז ווען איינער זאגט, איך פארקויף דיר מיין גאנצע חמץ, צו די מכירה העלפט. דער גוי ווייסט נישט וואס ער האט אפגעקויפט, וואס איז טייטש אז איך האב אפגעקויפט די גאנצע חמץ, איך האב געקויפט חמץ פאר די ווערט פון איין דאלער, צו פון איין מיליאן דאלער. עס איז דא פוסקים וואס האלטן, אז ווען מען פארקויפט חמץ, איז עס אזוי ווי א געהעריגער מקח, און מען דארף אריינשרייבן פונקטליך וואס מען פארקויפט. אזויפיל מעהל, און אזויפיל בונדלעך, און אזויפיל צוקער, און אזויפיל זאלץ. די

וועלט איז מקיל דערויף, ווייל בדרך כלל ווען א מענטש פארקויפט דעם חמץ, ווייסט מען וואס א מענטש האט אינדערהיים. א נארמאלער מענטש, ווען איינער זאגט אים, איך פארקויף דיר די גאנצע חמץ וואס איז דא ביי מיר אין שטוב, וואלט ער משער געווען בערך וואס ער האט אפגעקויפט. אבער ווען א געשעפט פארקויפט, ווייסט מען שוין נישט וויפיל עס איז דא אינעם געשעפט. איז עס א קליינער געשעפט, אדער א גרויסער געשעפט. איינער האט מער סחורה און איינער האט ווייניגער סחורה. איז בדרך כלל האט מיין טאטע מקפיד געווען, ווען ער האט פארקויפט פאר געשעפטן, אז מען זאל כאטש אויסרעכענען אינעם שטר מכירה אלע מינים וואס מען האט.

**ווען** רבי נפתלי ז"ל האט פארקויפט די חמץ, האט ער נישט נאר אויסגערעכנט אלע מינים וואס ער האט, נאר פון יעדע זאך וויפיל שטיקלעך ער האט. אזויפיל באקסעס קארן פלעקס, און אזויפיל רייז קריספ, און אזויפיל מעהל. און טאמער האט ער נאך די מכירה פארקויפט פאר א אנדערן, האט ער אריינגערופן צו מיין טאטע, אז מען זאל טוישן, ווייל דא און דא איז געווארן ווייניגער. ער האט ארויסגעשריבן ממש אזוי פיל וויפיל ער האט פארקויפט. דער טאטע האט עס זייער מחשיב געווען, און נאך פסח האט ער געקויפט די חמץ'דיגע זאכן נאר ביי אים. עס איז מסתמא געווען איינע פון זיינע גוטע מעשים. זאל דער אייבערשטער העלפן אי"ה, כשם שנכנס לברית, ער זאל אויסוואקסען א ערליכער יוד, א תלמיד חכם, און א יראת שמים, און די עלטערן זאלן זעהן אסאך יודיש נחת ביי אים און ביי אלע קינדער, און מיר אלע זאלן האבן א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **אליעזר זוסיא קיש** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו זכרון יהודא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית התפלל תפלת מנחה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אהרן געשטעטנער** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **פנחס אייזנבאך** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **מנחם ברוין** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה ברוך געלבשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום רביעי פרשת שופטים</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת צימענד ע"ה (אלמנת הר"ר **יהודא צימענד** ע"ה).

*

***<u>יום חמישי פרשת שופטים</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מעמד רבתי לרגל סיום מסכת שבת והתחלת מסכת עירובין הנלמדת במסגרת חבורת '**ובהם נהגה**' שעל ידי קהלתנו הק', שהתקיימה באולם עטרת חי'.

יושב ראש המעמד הרב **משה יואל גערטנער** שליט"א קידם את פני הבאים, וכיבד את **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא, לשאת דברי זכרון לקראת ההילולא העשרים וחמש של **כ"ק מרן רבינו בעל עזר מיהודא זצוק"ל**.

אחר כך השמיע הר"ר **יואל ניימאן** הי"ו (מאנסי) מחשובי לומדי החבורה, 'עדות נאמנה' של חיי בן תורה שנמנה בחבורה. במשא המעמד נתכבד **הגה"צ רבי בנציון שטראססער שליט"א** אב"ד דק"ק נייטרא בארא פארק.

כאות תודה נמסר על ידי **רבינו שליט"א** מתנה מפוארת לכל הנגידים החשובים פטרוני חבורתנו '**ובהם נהגה**'. -

כמו כן נתחלק לכל המשתתפים הספר החדש **'שמן ראש'** על חג הסוכות (חלק ב', נדבת הר"ר **שמואל זאנוויל מארקאוויטש הי"ו**).

באמירת הסיום נתכבד **הרב אליעזר פליישמאן שליט"א** (מגי"ש בחבורת 'ובהם נהגה', וויליאמסבורג), והר"ר **אברהם פנחס בערקאוויטש** הי"ו נתכבד באמירת הקדיש. בגמר הקדיש פרצה כל הקהל בשירה וזמרה וריקודין של שמחה. בהתחלת מסכת עירובין נתכבד הר"ר **שמחה פריעדמאן** הי"ו. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בברכת המזון נתכבד הר"ר **יצחק זאב וויינשטאק** הי"ו.

***__וזה תוכן הדברי תורה:__***

**איך** וויל באגריסן די אלע וואס זענען זיך צוזאמגעקומען, די חבורה פון **'ובהם נהגה'**, וואס האבן מקבל געווען אויף זיך עול תורה. און ב"ה מען האלט שוין יעצט ביי די דריטע מסכתא לויטן סדר הש"ס, אויסער די מסכתות וואס מען האט שוין געלערנט אפאר יאר פריער, וואס עס איז געווען שלא על הסדר, לערנט מען יעצט על הסדר, און מען האלט שוין ב"ה ביי מסכת עירובין.

**די הארץ קוועלט פון גרויס שמחה. ב"ה מען זעהט ווי אזוי די חברי הקהלה זענען ב"ה קובע עתים לתורה, מען זיצט און מען לערנט.** מען רעדט נישט פון אזעלכע וואס זענען תורתם אומנתם, נאר מען רעדט פון אזעלכע וואס זענען עוסק א גאנצע טאג על המחיה ועל הכלכלה, און פון דעסטוועגען דאך איז מען קובע עתים לתורה, און מען איז מסיים א מסכתא, און א גרויס טייל פונעם ציבור קומען זיך פארהערן א מסכתא, מען נעמט בחינות אויף די מסכתא. עס איז באמת עבידנא יומא טבא לרבנן. **עס איז א אמת'דיגע יום טוב פאר די קהלה בכלל, און פאר מיר פערזענליך. ב"ה אז מען זיצט צוזאמען מיט אזא הייליגע ציבור פון יראים און שלמים, וואס זענען עוסקים בתורה.**

**א** יוד האט מיר פריער נאכגעזאגט, אז **רבי יוסף שטיינער זכרונו לברכה**, דער דיין ביי אונז אין די קהלה, פלעגט צו זאגן, אז בעלי בתים הייבן אן צו לערנען ש"ס, מען הייבט אן צו לערנען מסכת ברכות, און ווען עס קומט צו מסכת שבת, איז בא שבת בא מנוחה, מען לאזט שוין נאך. מיר האלטן שוין נאכדעם וואס עס איז בא שבת, און עס איז נישט בא מנוחה, מען האט אדורכגעאקערט א גאנצע מסכתא, און מען גייט, נישט מן הקל אל הקל, נאר מן הקשה אל הקשה. מען נעמט אויף זיך ווייטער ממשיך צו זיין מסכת עירובין, איז עס באמת א געוואלדיגע שמחה פאר אונז אלע.

*

**איך** האב געוואלט אנהייבן מיט א גמרא אין מסכת פסחים (סח:). די גמרא זאגט אויף רב ששת, אז כל תלתין יומין, מהדר ליה תלמודיה, יעדן חודש, יעדע דרייסיג טאג, האט ער איבערגעלערנט די גאנצע תורה וואס ער האט געלערנט. יעדן חודש האט ער געמאכט א סיום אויף זיין גאנצע לערנען. ותלי וקאי בעיברא דדשא, נאכדעם וואס ער האט גע'ענדיגט זיין סיום האט ער זיך געשטעלט ביי די ריגל פון די טיר. די אמאליגע טירן זענען געווען מיט ריגלעך וואס מען האט פארשפארט. ואמר, און ער האט געזאגט, חדאי נפשאי חדאי נפשאי, עס פריידט זיך מיין נפש, מיין נפש זאל זיך פרייען, לך קראי, פאר דיר האב איך געלערנט מקרא, לך תנאי, פאר דיר האב איך געלערנט ברייתות. ער האט זיך געפריידט, און ער האט משבח געווען וואס ער האט געטון פאר זיין נפש אז ער האט פאר אים געלערנט קראי און תנאי.

**פרעגט** די גמרא, איני, עס איז נישט אזוי, נאר פאר זיך האט ער געהאט א טובה פון דעם וואס ער האט געלערנט, ער האט געטון א טובה פאר די גאנצע וועלט. והאמר רבי אלעזר, אלמלא תורה לא נתקיימה שמים וארץ, ווען נישט תורה איז נישט דא קיין וועלט, שנאמר (ירמיה לג-כה) אם לא בריתי יומם ולילה, ווען נישט די תורה הקדושה, חוקות שמים וארץ לא שמתי, וואלט דער אייבערשטער נישט באשאפן שמים וארץ. אז רב ששת זיצט און לערנט תורה, האט ער נישט מהנה געווען נאר פאר זיך, ער האט מהנה געווען די גאנצע וועלט, עס איז קיום העולם. פארוואס האט ער געזאגט 'לך' קראי 'לך' תנאי.

**זאגט** די גמרא, אמת עס קומט ארויס פון דעם א הנאה פאר די גאנצע וועלט, אבער מעיקרא כי

עביד איניש, אין אנהייב ווען א מענטש זעצט זיך לערנען, אדעתא דנפשיה קא עביד, לערנט ער פאר זיך, א טובה צו טון פאר זיך. ער לערנט תורה, כדי ער זאל שטייגען און וואקסען. אמת טאקע אז די תורה איז א הנאה פאר די גאנצע וועלט, אבער מעיקרא בשעת מען זעצט זיך לערנען, איז לך קראי לך תנאי.

**די זעלבע ווערטער וואס רב ששת האט געזאגט, קענען מיר אלע זאגן. מיר האבן נישט כל תלתין יומין איבערגע'חזר'ט די גאנצע מסכתא, אבער כל תלתין יומין שטעלט מען זיך פאר א בחינה אויף וואס מען האט געלערנט. און עס איז חדאי נפשאי חדאי נפשאי, יעדער דארף זיך פרייען, אז לך קראי, לך תנאי, וואס ער האט געטון, האט ער געטון פאר זיך, פאר זיין נפש, אז מען קומט נישט צוריק ליידיג אויף יענע וועלט.** ער האט אויפגעטון אין די צייט וואס ער האט געלערנט, ער האט מסיים געווען נאך א מסכתא, און נאך א מסכתא, איז עס א שמחה. עס איז אויך א שמחה פאר די גאנצע וועלט, אבער מעיקרא, פון אנהייב, איז עס א שמחה פאר זיך.

*

**די** גמרא איז הפלא ופלא, מען רעדט פון אזא גרויסן רב ששת, די משנה (אבות ב-ח) זאגט, אם למדת תורה הרבה, אויב דו האסט געלערנט אסאך תורה, אל תחזיק טובה לעצמך, זיי נישט מחזיק די תורה פאר דיר, כי לכך נוצרת, פארדעם האט מען דיך אראפגעשיקט אויף די וועלט, כדי דו זאלסט לערנען. וואס איז די שמחה וואס רב ששת האט זיך געפריידט, חדאי נפשאי חדאי נפשאי, לך קראי לך תנאי? דאס איז דער סדר פון א תלמיד חכם, אז ער זאל זיך שטעלן ביי די טיר, און זיך פרייען מיט די תורה וואס ער האט געלערנט, אז ער האט עפעס אויפגעטון?! אל תחזיק טובה לעצמך. - און אז ער וויל זיך יא פרייען, שטעלט מען זיך ביי די טיר, און דארט פריידט ער זיך?! ער דארף זיך אראפזעצן ביים טיש, ביי די סעודה, און זיך דארט פרייען, פארוואס האט ער זיך געשטעלט ביי די טיר. - און עיברא דדשא איז טייטש, ביי די ריגעל פון די טיר, למאי נפקא מינה צו די טיר האט געהאט א ריגעל, צו נישט. וואס האט די גמרא ארויסגעברענגט מיט די שמחה פון רב ששת, ווי אזוי ער האט זיך געפריידט אויף דעם וואס ער האט געלערנט.

**עס** קען אפשר זיין, דער ענין דערפון איז. מען ווייסט אז דער עיקר חשיבות פון תורה איז תורה לשמה. תורה וואס א יוד לערנט, טאר נישט זיין מיט קיין שום זייטיגע סיבות, נאר ווייל דער אייבערשטער האט געהייסען אז מען זאל לערנען תורה, טוה איך דעם רצון פונעם אייבערשטען. אזוי ווי איך בין מקיים אלע אנדערע מצות, צו איך פארשטיי יא דעם טעם, צו איך פארשטיי נישט דעם טעם, עס זענען דא צענדליגער חוקים וואס מיר זענען מקיים, אזוי דארף מען לערנען תורה. לשמה, ווייל דער אייבערשטער האט מצווה געווען, וועגן דעם לערנט ער תורה.

**אסאך** יודען לערנען תורה, אבער עס איז אלץ מיט הדרגות. עס איז דא תורה וואס א מענטש לערנט אינגאנצן שלא לשמה, ער לערנט נאר אלץ א קרדום לחפור בו (אבות ד-ז), צו ווייל ער וויל האבן א פרנסה, און ער טרעפט נישט עפעס אנדערש, ווערט ער א מלמד, אדער א מגיד שיעור וכדומה. עס איז דא אמאל וואס ער לערנט תורה מיט א העכערע כוונה, נישט פאר געלט, אבער ער וויל עפעס פארדינען, ער וויל כאטש זוכה זיין צו עולם הבא. ווען ער וועט לערנען תורה, און ער וועט זיין א תלמיד חכם, דעמאלטס ווען ער וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט, און מען וועט אים פרעגן די ערשטע שאלה, צו ער האט עוסק געווען בתורה, זאל ער קענען ענטפערן. עס איז אויך א זייטיגע סיבה, אבער עס איז א איידעלע סיבה. מיר דארפן לערנען תורה, אזוי ווי עס שטייט אין די משנה (אבות א-ג), אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס, אלא הוו כעבדים המשמשים את הרב שלא על מנת לקבל פרס.

**תורה** לשמה איז א געוואלדיגע מדרגה. די עיקר חשיבות פון תורה איז, ווען א יוד לערנט תורה לשמה. אבער פון דעסטוועגן דאך זאגן חז"ל (סוטה כב:), לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה. **יא, מען דארף לערנען תורה שלא לשמה. אפילו ווען ער איז נישט ביי די מדרגה, ער לערנט תורה ווייל**

**ער וויל עפעס האבן דערפאר, ער לערנט תורה כדי מען זאל אים מחשיב זיין, אפילו ער לערנט נאר תורה אז די בני בית און די קינדער אין שטוב זאלן אים מחשיב זיין, אלץ איז גוט.** שמתוך שלא לשמה בא לשמה, דו וועסט צוקומען צו תורה לשמה.

**איך** האב אמאל געהערט פון מיין **טאטע זכרונו לברכה**, ער איז געווען א תלמיד פון זיין זיידן דער **שאמלויא'ער רב**, ער האט געלערנט ביי אים אין די ישיבה. און בשעת ער האט געלערנט ביי אים, איז געקומען א יונגערמאן זיך פארהערן יורה דעה, ער האט גענומען התרת הוראה. און דער זיידע, דער שאמלויא'ער רב ז"ל האט אים פארהערט, און ער איז ארויס פון התפעלות ווי אזוי דער יונגערמאן האט געקענט. און ער האט אים גערופן, אז ער זאל קומען עסן די מיטאג סעודה צוזאמען מיט אים. און מיין טאטע ז"ל איז אויך געזעסן דארט ביים טיש. און דער שאמלויא'ער רב האט אנגעהויבן משבח צו זיין דעם יונגערמאן אז ער האט אזוי פיין געקענט, און ער האט אזוי פיין געענטפערט, איך זעה אז דו האסט דיך אסאך געפלאגט אויף תורה. האט זיך דער יונגערמאן אנגערופן, אבער אונזער תורה איז תורה שלא לשמה.

**האט** זיך דער שאמלויא'ער רב אנגערופן און ער האט געזאגט, איך וועל דיר זאגן צוויי זאכן. איינס, **עס איז היינט נישט דא תורה שלא לשמה. יעדע תורה וואס א יוד לערנט, איז לשמה.** דו לערנסט תורה שלא לשמה, כדי מען זאל דיך מכבד זיין?! וואס דו וואלסט געטון אין די צייט וואס דו האסט געלערנט תורה, דו וואלסט עס אריינגעלייגט אין מילי דעלמא, וואלסטו מצליח געווען, און מען וואלט דיך אויך מכבד געווען אויף א אנדערן אופן, און מען וואלט דיך מכבד געווען מער פון וואס מען איז היינט מכבד א תלמיד חכם. קומט אויס, אז דאס וואס דו לערנסט תורה, איז תורה לשמה. דו קענסט מאכן מער געלט, פון וויפיל דו באקומסט פאר די בחינות. און דו קענסט טון אנדערע זאכן, און האבן מער פון די שעה וואס מען גיט אוועק פאר תורה.

**צווייטענס**, דו זאגסט אז דו לערנסט תורה שלא לשמה. **דו זאלסט וויסען, אז תורה שלא לשמה איז בוקע רקיעים!** חז"ל זאגן, אז מען דארף לערנען תורה שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה. דיין תורה וואס דו האסט געלערנט איז בוקע רקיעים. אפילו מען לערנט תורה שלא לשמה, פון דעסטוועגן דאך האט עס א געוואלדיגע חשיבות. - אבער ווען מען זאגט אז קיום העולם איז אויף תורה, קיום העולם איז אויף תורה לשמה. די וואס זענען זוכה צו לערנען תורה לשמה, אויף זיי איז דא קיום העולם. תורה שלא לשמה איז אויך גרויס דער שכר דערויף, אבער קיום העולם קען נישט זיין, נאר אויף די איידלסטע תורה וואס איז דא.

**רב** ששת האט געלערנט תורה, און ער האט געענדיגט זיין תורה יעדע דרייסיג טאג. יעדעס מאל וואס ער האט געענדיגט זיין לערנען, האט ער זיך מתאונן געווען פאר זיך, און ער האט געזאגט, דאס איז לערנען? לערנען דארף מען תורה לשמה. מיין תורה, איז תורה לשמה? לך קראי, איך לערן כדי צו פארדינען עפעס, כדי מיין נפש זאל האבן תורה. לך תנאי, איך טו עס פאר די הנאה פון מיין גוף. און אז מען טוט עס פאר די הנאה פונעם גוף, איז דאס נישט די ריכטיגע תורה וואס מען דארף צו לערנען. איך שטיי נאך בעיברא דדשא, איך שטיי נאך ביי די שוועל פון די טיר, איך בין נאכנישט אריינגעקומען אינעם גרויסקייט פון תורה. און די גמרא פרעגט, רב ששת תורה איז דאך אוודאי גרויס, אויף דעם שטייט דאך די וועלט. זאגט די גמרא, יא, אבער מעיקרא, אין אנהייב ווען מען לערנט תורה, איז עס אדעתא דנפשיה קא עביד, לערנט מען נישט תורה לשמה, פארן אייבערשטען'ס וועגן, מען לערנט עס נאר פאר זיך אליין. און אז מען לערנט פאר זיך אליין, איז די תורה נאר 'לך' קראי 'לך' תנאי. די תורה פון רב ששת איז אוודאי געווען לשמה, אבער מען רעדט ווי אזוי רב ששת האט אנגעקוקט זיין תורה, האט ער עס אנגעקוקט, אז ער האט נאכנישט זוכה געווען צו די העכסטע מדרגה פון תורה.

*

**אבער** תורה פאר זיך אליין, אפילו 'לך' קראי 'לך' תנאי, האט אויך א געוואלדיגע חשיבות. מען האט שוין פריער ארויסגעברענגט די חשיבות פון לערנען תורה. וואס פאר א רושם דאס מאכט אויף

די שטוב, און וואס פאר א רושם דאס מאכט אויפן מענטש אליין. **וויפיל יונגעלייט, אין די צענדליגער, האבן מיר געזאגט, אז זייט זיי האבן אנגעהויבן צו לערנען 'ובהם נהגה', זענען זיי געווארן אנדערע סארט מענטשען. זייער קאפ ליגט אין תורה, עס ליגט נישט אין עולם הזה. ווען זיי האבן צייט, נוצן זיי אויס די צייט און מען לערנט. די גאנצע אטמאספערע אין שטוב אין געווארן א תורה'דיגע שטימונג, די קינדער ווייסן אז דער טאטע גייט לערנען, יעצט שטייט ער פאר א בחינה, און מען קען נישט רעדן צו אים. און מען האט וואס צו רעדן מיט די קינדער אין לערנען, ווי נישט ווי, אייביג איז דא עפעס א נושא וואס מען קען ארויפברענגען אויפן טיש.** די תורה וואס מען האט געלערנט האט געטוישט דעם גאנצן מענטש, און עס האט געטוישט די גאנצע שטוב.

**בראתי** יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), דער אייבערשטער האט באשאפן א יצר הרע, און דער יצר הרע אין אמעריקא איז זייער גרויס, אסאך גרעסער ווי עס איז געווען אמאל. אונז האב מיר נישט קיין עצה, נאר בראתי לו תורה תבלין. נאר די תורה, דאס איז דער תבלין אקעגן דעם יצר הרע. **מען האט געלערנט מסכת שבת, מען האט אריינגעלייגט הונדערטער שעות אין די מסכתא, אן א גוזמא, אויף צו לערנען, און אויף איבערצו'חזר'ן, און אויף בחינות. ווען ער וואלט נישט געלערנט מסכת שבת, וואס וואלט ער געטון אין די הונדערטער שעות?! אויף וואס וואלט אוועקגעגאנגען זיין טאג!** אדער וואלט עס אדורכגעגאנגען ליידיג, אויף שיחת ילדים. אדער וואלט עס אדורכגעגאנגען זיך צו דרייען אויף די גאס. אדער וואלט עס אדורכגעגאנגען צו טון זאכען וואס מען דארף נישט. אבער אז מען האט זיך קובע געווען צו לערנען תורה, האט עס אפגעהיטן דעם מענטש, אז ער זאל נישט פאלן.

**איך** טראכט אייביג, מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו, זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו (תהלים קיח-כג). עס האט זיך אין די לעצטע פאר יאר זייער פארשפרייט לימוד התורה. און עס איז דא כמה סיבות דערצו. איינס, עס איז ארויסגעקומען נייע גמרות מיט א פירוש, וואס האבן גרינגער געמאכט דאס לערנען, און יעדער פארשטייט וואס מען לערנט. צווייטענס, דאס וואס מנהיגי ישראל פון אלע קהלות, האבן אנגעהויבן צו טון וואס **רבי מאיר שפירא זצ"ל** האט אנגעהויבן בימיו, אז דער גאנצער עולם זאל זיך קובע זיין, צו לערנען א בלאט גמרא, א עמוד גמרא, יעדער איינער לפי ערכו. און הונדערטער און טויזנטער יודען, וואס האבן אמאל נישט געעפענט א ספר, צו ווייל זיי האבן נישט געקענט, צו ווייל עס איז זיי געווען שווער, און נישט יעדער האט געדולד צו זיצען ביי א מגיד שיעור און אויסהערן, האט זיך געעפענט פאר זיי א נייע וועלט, און עס איז געווארן ביי זיי פיקודי ה' ישרים משמחי לב (תהלים יט-ט), מען האט זיך גענומען לערנען תורה. מען גייט היינט אריין אין סיי וועלכען בית המדרש, איז עס אנגעפילט מיט לומדי תורה, וואס מיט צוואנציג און דרייסיג יאר צוריק איז דאס נישט געווען, עס איז נאר לעצטענס געווארן. אלעס איז דאך מן השמים, וואס איז די סיבה דערפון?

**די** סיבה דעפון איז, ווייל זה לעומת זה עשה האלקים (קהלת ז-יד), דער כח הטומאה און דער כח הקדושה זענען אייביג זה לעומת זה. דער כח הטומאה אויף די וועלט, איז קיינמאל נישט געווען אזוי גרויס, ווי עס איז היינט. דער אינטערנעט וואס האט געברענגט א חורבן אויף די גאנצע וועלט, וואס אמאל איז דאס נישט געווען, דאס האט אראפגעברענגט א געוואלדיגע טומאה. און דער אייבערשטער טוט אונז נישט מנסה זיין מיט א נסיון וואס מיר קענען נישט אדורכגיין, אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו (ע"ז ג.), האט דער אייבערשטער אונז געגעבן אקעגן דעם, אז עס האט זיך געעפענט די שערים פון תורה. בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין. **ווי מער עס קומט ארויס די טומאה אויף די וועלט, האט דער אייבערשטער אונז געגעבן דעם כח התורה אז מיר זאלן דאס קענען בייקומען. און נאר וועגן דעם זענען מיר ערליכע יודען, ווייל מיר זיצען אין בית המדרש און מען לערנט.** דאס איז די איינציגסטע זאך וואס גיט אונז חיזוק און כח, אז מיר זאלן נישט אויסקוקען כגויי הארצות וכמשפחות האדמה.

**זאת** איז תורה (ע"ז ב:), וזאת התורה (דברים ד-מד). מאת ה' היתה 'זאת', דאס אז עס איז געווארן א התרחבות אין לימוד התורה, איז געווארן פונעם אייבערשטען, אז ממש עס איז נפלאת בעינינו, עס איז א פלא פאר אונז, וואס איז געשען דא, אז עס האט זיך אזוי געעפענט די שערים פון תורה. אבער מאת ה' היתה זאת, ווייל דער אייבערשטער האט געוואוסט אז די כוחות הטומאה זענען זיך מתגבר אין די לעצטע רגעים פונעם גלות, האט דער אייבערשטער אונז געגעבן דעם כח התורה אז מיר זאלן דאס קענען בייקומען. זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו, עס איז א געוואלדיגע שמחה פאר אונז, אז מען לערנט נאך א מסכתא, און נאך א מסכתא, און מען איז עס מסיים, און מען איז מקבל אויף זיך צו גיין ווייטער און צו לערנען תורה. עס איז נגילה ונשמחה בו, עס איז פאר אונז א געוואלדיגע שמחה און א פרייד.

**רב** ששת איז געזעסן און געלערנט כל ימיו, און ער האט יעדן חודש איבערגע'חזר'ט זיין לערנען. ווען ער האט זיך געוואלט טרייסטען, און זיך משמח זיין, מיט וואס קען איך זיך פרייען מיט די תורה וואס איך האב געלערנט. האט ער זיך געשטעלט ביי די טיר, און דארט האט ער זיך געפריידט. יעדער ווייסט אז ווילאנג א מענטש זיצט אין די ד' אמות פון זיין שטוב, זינדיגט מען נישט, על כל פנים אמאל איז אזוי געווען, ווייל די שטוב איז געווען הייליג, עס איז גארנישט אריינגעקומען פון אינדרויסן. ווען מען איז געזעסן אין שטוב, האט מען נאר געדינט דעם אייבערשטען. ווען ער האט געוואלט זינדיגען, האט ער געמוזט ארויסגיין פון די טיר, ארויס אויף די גאס. היינט, ווי מען האט פריער גערעדט, די כח הטומאה איז זייער גרויס, אז מען קען שוין זיצען אין שטוב, און מען קען אריינברענגען די גאנצע גאס אין שטוב. אבער על כל פנים אין רב ששת צייטן, איז אזוי געווען, אז אין שטוב האט מען נישט געקענט זינדיגען. ווען מען האט געוואלט זינדיגען, האט מען געדארפט ארויסגיין.

**פון** וואו האט א מענטש א כח, אז ער זאל זיך קענען צוריקהאלטן און נישט ארויסגיין אויף די גאס. צו לייגען א ריגעל אויף זיין טיר, זיך צו פארשפארן, איך בלייב דא אין דעם שטוב, איך גיי נישט ארויס אין די טריפה'נע גאס. דאס איז דער כח התורה וואס ער איז געזעסן און געלערנט תורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, דער תבלין וואס ער האט געלערנט תורה, דאס האט אים געגעבן די כח אז ער זאל זיצען אין שטוב, און ער זאל זיך נישט דרייען אין די גאס.

**ווען** ער האט זיך געוואלט פרייען מיט זיין שמחת התורה יעדע דרייסיג טאג ווען ער האט מסיים געווען וואס ער האט געלערנט, האט ער זיך געשטעלט בעיברא דדשא, ער האט זיך געשטעלט ביי די ריגעל פונעם טיר, צו ווייזען אז דאס וואס איך האב געהאט דעם כח איך זאל קענען פארריגלען מיין טיר, און נישט ארויסגיין אין די גאס, זיך דרייען דארט ווי מען דרייט זיך, דאס איז געווען דער כח פון די תורה וואס איך האב געלערנט. חדאי נפשאי חדאי נפשאי, אויף דעם האט ער זיך געפריידט, דאס איז געווען זיין שמחה, אז ער האט געקענט זוכה זיין דערצו, אז ער איז געזעסן און געלערנט, און געווען אפגעהיטן פונעם יצר הרע.

*

**דער** יום טוב פון שבועות ווערט אנגערופן עצרת. עס איז זמן מתן תורתנו, און מען רופט עס אן עצרת. ווייל עצרת איז טייטש צוריקהאלטען, אז מען זאל זיך קענען עוצר זיין, זיך צוריקהאלטען און נישט גיין וואו מען וויל גיין, נישט גיין דארט ווי די הארץ גלוסט צו גיין, נאר זיצען און לערנען, דאס איז דער כח התורה. דער יום טוב שבועות איז חג העצרת, די תורה וואס מען האט געגעבן שבועות, דאס האלט צוריק אז מען זאל נישט טון וואס מען דארף נישט צו טון. טאמער עס איז נישט דא קיין תורה, איז נישט דא גארנישט. ווען עס קומט צו די מינדעסטע תאוה, די מינדעסטע זאך וואס די הארץ גלוסט אים, פארגעסט ער פון אלעם, און ער קען זיך פארלירען. דער כח התורה דאס איז די איינציגסטע זאך וואס האלט אונז צוריק, אז מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטען.

*

**די** חשיבות פון תורה איז זייער גרויס, דאס איז די איינציגסטע שמירה וואס מיר האבן, אז מיר זאלן זיך קענען פירן ערליך. און רב ששת האט זיך

געשטעלט בעיברא דדשא, און ער האט געזאגט, אז די תורה האט מיך מציל געווען פון ארויסגיין אויף די גאס. איך האב אמאל געהערט פארציילן, אז עס איז געווען א בחור וואס איז אריינגעקומען צו זיין ראש ישיבה, און ער האט אים געבעטן אז ער וויל פארן צו א חתונה פון זיינס א משפחה. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט, איך געב דיר רשות צו פארן, אבער וואס וועט זיין מיט שמירת עינים. ארויסגיין אויף די גאס, און ביז דו קומסט אן צו די חתונה, און ביי די חתונה אליין. עס וועט דיך נישט שטערן? האט אים דער בחור געזאגט, אז ער מיינט אז עס וועט אים נישט שטערן. ער קען זיך אכט געבן געהעריג, און עס מאכט נישט ביי אים א רושם.

**זאגט** אים דער ראש ישיבה, אפשר זאגסטו מיר דיין נאמען ווי אזוי דו הייסט, און ווי אזוי דיין מאמע הייסט. האט ער געזאגט, איך הייס אזוי, און די מאמע הייסט אזוי. אבער פארוואס דארף דער ראש ישיבה מיין נאמען מיט מיין מאמע'ס נאמען. זאגט אים דער ראש ישיבה, ווייל איך וויל מתפלל זיין אויף דיר. זאגט ער אים, רבי, איך בין געזונט און שטארק, פארוואס דארף דער רבי מתפלל זיין אויף מיר. זאגט ער אים, הער מיך אויס. איך בין שוין א אלטער יוד, און מיט איין אויג זעה איך אינגאנצן נישט, און מיטן אנדערן אויג זעה איך אויך נאר אביסל. און פון דעסטוועגן דאך ווען איך גיי ארויס אויף די גאס, האב איך נסיונות. טאמער דו ביזט א יונגער בחור, און דו זאגסט מיר אז דו האסט נישט קיין נסיונות, ביסטו א קראנקער בחור, וויל איך מתפלל זיין אויף דיר, אז דו זאלסט האבן א רפואה שלימה.

**די** גמרא (ברכות נח.) זאגט, אז רב ששת איז געווען א סגי נהור, ער האט נישט געזעהן. און עס איז כדאי נאכצוזאגען די גמרא (מגילה כט.), אז ווען די יודען זענען געגאנגען אין גלות, איז דער אייבערשטער מיט געגאנגען. כל מקום שגלו, שכינה עמהן. ווען מען איז געגאנגען קיין בבל, איז דער אייבערשטער מיטגעגאנגען קיין בבל, למענכם שלחתי בבלה (ישעיה מג-יד). פרעגט די גמרא, וואו געפונט זיך דער אייבערשטער אין בבל. זאגט די גמרא, אז עס איז דא צוויי שולן אין בבל וואס דארט דרייט זיך דער אייבערשטער. איינס איז בי כנישתא דהוצל, אין א שול אין די שטאט הוצל. און בבי כנישתא דשף ויתיב בנהרדעא, אין נהרדעא איז אויך געווען א שול. און רש"י זאגט, אז די שול האט מען געמאכט פון שטיינער וואס מען האט געברענגט פון ארץ ישראל, פונעם בית המקדש, כי רצו עבדך את אבניה (תהלים קב-טו). ווען יכניה איז געגאנגען אין גלות, האט ער מיטגעשלעפט זאמד און שטיינער, און פון דעם האט מען געמאכט א שול, און דארט געפונט זיך די שכינה. אמאל איז ער אין דעם בית המדרש, און אמאל אין יענעם בית המדרש.

**און** די גמרא פארציילט, אז אין דעם בית המדרש פון שף ויתיב, ווען מען פלעגט צו הערן א גערודער אין בית המדרש, האט מען געוואוסט אז די שכינה קומט אריין, און דער וואס איז נישט געזעסן און געלערנט איז ארויסגעגאנגען פונעם בית המדרש וועגן כבוד פון די שכינה. נאר דער וואס האט געלערנט, איז געבליבן זיצן לערנען. אמאל איז רב ששת געזעסן אין בית המדרש, און מען האט געהערט א גערודער, און ער איז דאך געווען א סגי נהור, ער האט נישט געזען, האט ער נישט געקענט ארויסגיין, איז ער געבליבן זיצען. האבן די מלאכים אנגעהויבן אים צו דערשרעקן, אז ער רירט זיך נישט ווען די שכינה קומט אריין. האט ער זיך אנגערופן און ער האט געזאט, עלוב, איינער וואס איז א פארשעמטער אזוי ווי איך, א מענטש וואס איז קאליע, ושאינו עלוב, און דער רבונו של עולם, מי נדחה מפני מי, ווער דארף נדחה ווערן פאר וועם. ווי איינער זאגט, איך קען מיך נישט א עצה געבן, אבער דער רבונו של עולם קען זיך א עצה געבן. האט דער אייבערשטער געזאגט פאר די מלאכים, לאזט אים אפ. און ער איז געבלבען זיצען אין בית המדרש, ווייל ער איז געווען א סגי נהור.

**דער** רב ששת, דער סגי נהור, ווען ער האט געענדיגט זיין לערנען, האט ער זיך געשטעלט ביי די טיר, און ער האט גדאנקט דעם אייבערשטען, אז ער דרייט זיך נישט אויף די גאס. אפילו א סגי נהור, וואס עס איז נישט דא א עין רואה והלב חומד, דארף אויך האבן די תורה פאר א שמירה. דאס איז די איינציגסטע שמירה וואס מיר האבן, אין לנו שיור רק התורה הזאת.

**איך** האב געזען אמאל שטיין, איך מיין פון **רבי שמחה וואסערמאן זצ"ל**, אז ווען מען איז עולה לתורה זאגט מען צוויי ברכות. א ברכה לפניה, א ברכה פאר מען גייט לערנען, און א ברכה לאחריה, נאכדעם דאנקט מען דעם אייבערשטען אז מען האט געענדיגט דאס לערנען. בדרך כלל געפונט מען נישט אויף א זאך, אז מען זאל זאגן צוויי ברכות, אויסער ברכת המזון וואס איז דא א ברכה לפניה און א ברכה לאחריה. און דא האט מען מתקן געווען, אז ווען מען ענדיגט דאס לערנען מאכט מען נאך א ברכה. - און עס איז צוויי סארט ברכות, די ערשטע ברכה זאגט מען, אשר בחר בנו מכל העמים, ונתן לנו את תורתו. מען דאנקט דעם אייבערשטען אז ער האט אונז אויסגעקליבן פון אלע אומות, און ער האט אונז געגעבן די תורה. ווען מען ענדיגט דאס לערנען, זאגט מען א צווייטע ברכה, אשר נתן לנו תורת אמת, וחיי עולם נטע בתוכנו, ברוך אתה ה' נותן התורה.

**האט** ער געזאגט זייער א שיינעם געדאנק. ווען איינער קומט צום חבר, און ער ברענגט אים איינגעוויקעלט א שיינע מתנה. די ערשטע זאך זאגט ער אים, יישר כח פאר די מתנה. אפילו ער ווייסט נישט וואס עס איז דא אינווייניג, ער האט עס נאכנישט געזען, זאגט ער אים יישר כח. פארוואס זאגט מען יישר כח, דו ווייסט דאך נאכנישט צו דו וועסט דארפן די זאך וואס ליגט אינווייניג, אפשר וועסטו נישט האבן קיין שום נוצן דערפון. אבער ער זאגט דעם יישר כח אויף דעם תשומת לב פונעם חבר, וואס דער חבר האט זיך גערעכנט מיט אים. עס ווייזט אויף א געוויסע ליבשאפט, עס ווייזט א געוויסע נאנטקייט. אז דו האסט מיר געברענגט א מתנה, דאס איז טייטש אז דו טוסט מיר אנערקענען, איך בין א מענטש וואס דו ביזט מיר מכבד, דו האסט מיך ליב. דאנקט ער אים אויף די מתנה וואס ער האט אים געברענגט.

**ווען** ער עפענט אויף די מתנה, און ער קוקט וואס ער האט אים געברענגט, און ער זעהט אז ער האט אים געברענגט זייער א שיינע זאך, וואס עס איז אים זייער וויכטיג, וואס ער קען זיך מיט דעם שטארק באנוצן, זאגט ער, אה, די מתנה האסטו מיר געברענגט, דו ווייסט ווי חשוב עס איז ביי מיר די מתנה, וויפיל איך וועל עס קענען נוצן, וויפיל עס וועט ביי מיר אויפטון, טוט ער אים נאכאמאל באדאנקן אויף די מתנה.

**וואס** איז דער חילוק צווישן די צוויי דאנקן. די ערשטע מאל ווען ער האט אים באדאנקט, האט ער אים נאר אזויפיל באדאנקט, אז דו האסט מיר געברענגט א מתנה. איך ווייס נאכנישט צו איך וועל נוצן די מתנה, צו נישט, אבער אז דו האסט מיך ליב, און דו ווייזט מיך א ליבשאפט, דו ווייזט מיר א נאנטקייט, טו איך עס אפרישיעטא"ן, און איך טו דיר באדאנקן דערויף. אבער ווען ער נעמט ארויס די זאך, און ער זעהט וואס מען האט אים געברענגט, אז ער קען האבן אזויפיל נוצן פון די זאך וואס מען האט אים געברענגט, יעצט ברענגט ער ארויס די עכטע ברכה וואס ער דאנקט אויף דעם וואס ער האט אים געברענגט.

**ווען** א יוד גייט זיך זעצן לערנען, ער האט נאכנישט טועם געווען וואס די טעם פון תורה איז. ער ווייסט נאכנישט צו די תורה וועט ביי אים העלפן, צו די תורה וועט אים משמח זיין, צו ער וועט האבן נוצן דערפון. דאנקט ער נאר אזויפיל, אז דער אייבערשטער האט אונז געברענגט א מתנה, די תורה. אשר בחר בנו מכל העמים, דו האסט אונז בוחר געווען פון אלע פעלקער, ונתן לנו את תורתו, און דו האסט אונז געגעבן דיין תורה. דער אייבערשטער האט געקענט געבן די תורה פאר אלע אנדערע פעלקער, און ער האט בוחר געווען יודען. אבער נאכדעם וואס ער לערנט תורה, און ער זעהט וואס תורה האט ביי אים אויפגעטון, און ער זעהט וואס פאר א שיינע מתנה מיר האבן באקומען פונעם אייבערשטען, יעצט זאגט ער א ברכה, נישט נאר איך דאנק אז דו האסט מיר געגעבן די תורה, נאר יעצט זעה איך, אשר נתן לנו 'תורת אמת', איך פארשטיי שוין וואס די תורה איז, די תורה איז א אמת. וחיי עולם נטע בתוכנו, מיט די תורה האסטו אריינגעלייגט אין אונז חיי עולם, דאס חיות פון די וועלט ליגט אין אונז. אונז קען מיר נישט לעבן אן די תורה הק', כי הם חיינו ואורך ימינו. - און צו דעם איז מען נאר זוכה נאכדעם וואס מען האט געענדיגט דאס לערנען, דעמאלטס איז מען זוכה, אז מען זאל זיך משמח זיין מיט אזא שמחה.

**מיר** אלע האבן געזאגט א ברכה בשעת מען האט זיך געזעצט לערנען, אשר בחר בנו מכל העמים, ונתן לנו את תורתו. מען האט געדאנקט אז מיר האבן ב"ה א הייליגע תורה. **אבער ווי שיין איז די ברכה וואס מיר זאגן היינט נאכט, ווען מיר זענען מסיים די מסכתא, ווען מען איז געזעסן און געלערנט, און מען האט מיטגעהאלטן. אזויפיל הונדערטער שעות האבן מיר אריינגעלייגט צו לערנען די מסכתא. און אונז קוק מיר וואס מיר האבן אויפגעטון, אז די מסכתא האט אונז מציל געווען פון זיך דרייען אויף די גאסן, עס האט געמאכט אז מיר זאלען ארויפלייגען א ריגעל אויף די טיר, מיר זענען אפגעשפארט, מיר קענען אין די צייט נישט טון עפעס אנדערש, נאר עוסק זיין בתורה. עס האט אונז אויסגעאיידלט, עס האט אויסגעאיידלט אונזערע שטובער, עס איז געווארן א אנדערע סארט שטוב. יעצט ווען מיר זאגן א ברכה אויף די תורה, זאגן מיר נישט נאר אשר בחר בנו מכל העמים, ונתן לנו את תורתו, נאר אשר נתן לנו תורת אמת, וחיי עולם נטע בתוכנו, אונז שפיר מיר יעצט די חיי עולם וואס מיר האבן באקומען פון די תורה.** - די ברכה איז א סאך א העכערע ברכה, פון דעם וואס א מענטש מאכט א ברכה אויף די תורה בעפאר ער האט טועם געווען דעם טעם פון די תורה.

*

**מען** גייט אריבער צו מסכת עירובין, **עס איז נישט א גרינגע מסכתא, עס איז גאנץ א שווערליכע מסכתא. אזוי איז עס געווען אמאל, אבער היינט איז עס אויך א גרינגע מסכתא.** מיט די מפרשים וואס איז דא היינט, מיט די בילדער וואס איז דא היינט אויף יעדע זאך, קען אפילו א בעל הבית אדורכגיין מסכת עירובין, און ער זאל עס גוט קענען בכל פרטיה ודקדוקיה. איך דערמאן זיך צוריק, ווען איך בין געווען א יונגערמאן, און איך האב פארגעלערנט א שיעור אין מסכת עירובין אין בית המדרש [סאמבאטהעלי]. עס איז נאר געווען דעמאלטס איין ספר, **פריו בעתו** אויף רש"י, דאס איז געווען די איינציגסטע ספר אויף מסכת עירובין, און אויך מיט א אריכות וכדומה, און נישט אייביג האט מען זיך געקענט אזוי גוט באנוצן דערמיט. און מען האט געדארפט מסביר זיין פאר די בעלי בתים די גמרא, און עס איז געגאנגען בכבדות, עס איז געגאנגען זייער שווער. ביז איך בין אויפגעקומען, אז פאר א יעדע שיעור, האב איך גענומען בלאק"ס, און איך האב צוזאמגעשטעלט אזוי ווי לעגא"ס די בילד פון די גמרא וואס מען דארף לערנען די וואך. און יעדעס מאל וואס איך האב פארגעלערנט דעם שיעור, האב איך אראפגעלייגט אויפן טיש די בלאק"ס, און איך האב עס צוזאמגעשטעלט, אז מען זאל וויסען פון וואס מען רעדט. דאס איז שוין אויך היסטאריע, דאס דארף מען שוין אויך נישט היינט. היינט האט מען די גמרא און די בילדער אויפן פלאץ, און אנדערע ספרים וואס איז דא. און די מפרשים זענען אזוי שיין מסביר יעדע זאך, עס איז אזא שיינע מקצוע אז מען לערנט עס. עס איז א געוואלדיגע שמחה, ארויסצוגיין פון די מסכתא, און אריינגיין און מקבל זיין אויף זיך די צווייטע מסכתא.

*

**עס** איז מעגליך אז עס איז דא אזעלכע וואס האבן נישט מיטגעהאלטן גאנץ מסכת שבת, **אבער די וואס האבן שוין טועם געווען וואס דאס הייסט לערנען, וואס דאס איז חיי עולם נטע בתוכנו, וואס פאר א אנדערע סארט יונגערמאן ער ווערט נאכדעם וואס ער לערנט, וואס זיין שטוב וועט ווערן אנדערש נאכדעם וואס ער לערנט, די וועלן זיך שוין יעצט צוכאפן און לערנען.** אפילו עס איז א שווערע מסכתא, וועלן זיי נעמען אויף זיך, **איך וויל אויך זיין דא אי"הביים קומענדיגען סיום,** און מיטהאלטן די מסכתא, און קענען מסיים זיין.

**די** וועלט זאגט נאך פונעם **חידושי הרי"ם**, אז שבועות ווערט אנגערופן זמן מתן תורתנו, עס איז דער זמן וואס דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, און די וועלט רופט עס 'קבלת התורה', מען האט מקבל געווען די תורה. עס איז דא א נותן, און עס איז דא א מקבל. ווען מען רעדט פון 'מתן' תורה, רעדט מען פונעם אייבערשטען, דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה. ווען מען רעדט פון קבלת התורה, רעדט מען פון אונז, מיר האבן מקבל געווען די תורה. פארוואס זאגט מען אז שבועות איז זמן קבלת התורה.

**האט** דער **חידושי הרי"ם** געזאגט, מתן תורה איז נאר געווען איין מאל. דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר יודען ו' סיון. אבער קבלת התורה, אונז זאל מיר מקבל זיין די תורה, דאס איז יעדן טאג. יעדן טאג קענען מיר מקבל זיין די תורה, די תורה איז הפקר (עיין קידושין סו.), יעדער קען עס מקבל זיין. והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך 'היום' על לבבך (דברים ו-ו), כאילו היום ניתנה (רש"י שם), היינט איז ביי אונז קבלת התורה. מתן תורה איז געווען שבועות, אבער קבלת התורה, **ווען א מענטש נעמט אויף זיך, וואס עס איז געווען איז געווען, איך וויל אנהייבען די מסכתא, און איך וויל אויך מאכען א סיום. און נישט נאר איך וויל עס אדורכלערנען, נאר איך וויל מוסיף זיין. אויב איך האב זיך נישט געשטעלט פאר א בחינה ביי די מסכתא, וועל איך אי"ה ביי די קומענדיגע מסכתא זיך יא שטעלן אויף בחינות. דאס איז דער קבלת התורה וואס איז אונזער שמחת התורה.** מיר האבן געענדיגט איין מסכתא, און מיר זענען מקבל אויף זיך ממשיך צו זיין, און לערנען ווייטער די צווייטע מסכתא.

*

**עס** קומט זיך א עקסטערען דאנק פאר די אלע וואס זענען מגידי שיעורים, וואס מען לערנט פאר אויף יעדן מקום, רבי אליעזר פליישמאן ביי אונז אין וויליאמסבורג, און רבי יהודא באדאנסקי אין מאנסי, און די שיעורים וואס איז דא אין בארא פארק און אין לעיקוואד, און וואס מען קען מיטהאלטן דאס לערנען אויפן טעלעפאן, עס איז צוגעשטעלט פאר יעדן איינעם, אז יעדער זאל קענען מיטהאלטן דאס לערנען. זיי זענען די מצדיקי הרבים ככובים לעולם ועד (דניאל יב-ג), זיי טוען א געוואלדיגע ארבעט, זיי געבן אוועק פון זייער צייט, צו לערנען מיט אנדערע.

**עס** קומט א ספעציעלען דאנק פאר די אלע וואס האבן מיטגעהאלפן אז עס זאל קענען עקזיסטירן די חבורה פון **'ובהם נהגה'**, רבי יהושע שטערן און רבי שלמה זלמן פאללאק, וואס האבן אריינגעלייגט א געוואלדיגע ארבעט. אלץ איז מען פארנומען מיט מרבה צו זיין חברים אין לימוד התורה, און זיי האבן אהערגעשטעלט די סעודה וואס מיר האבן דא.

**ועל** כולם, ווי מען האט פריער געהערט, עס איז פארבינדען מיט אסאך געלט, אז דאס זאל קענען אנגיין ווייטער. אויב מען צאלט נישט פאר די יונגעלייט, ווי מען האט פריער געהערט, צו מען פארשטייט עס יא, צו מען פארשטייט עס נישט, אבער עס ארבעט. אז מען גיט געלט, קומט יענער און ער האט א עול אז ער דארף זיך צושטעלן. און אז מען באצאלט נישט, איז עס נישט אזוי. די אלע וואס נעמען א חלק דערין, וואס טוען צוהעלפן דערצו, אז עס זאל קענען ווייטער אנגיין די חבורה פון **'ובהם נהגה'**, האבן א געוואלדיגען זכות הרבים. **עס איז נישט נאר די זכות פון די שעה וואס יענער האט געלערנט, נאר מען האט אויפגעשטעלט א שטוב.** דער יונגערמאן איז א אנדערער יונגערמאן, ער האט א ריגעל אויף זיין טיר, אז ער דרייט זיך נישט אין די גאסן. און זיין שטוב ווערט נאכדעם א אנדערע שטוב, עס ווערט אויפגעבויט א דור פון בני תורה. וויל איך באדאנקן פאר די אלע וואס נעמען א חלק דערין.

**איך** וויל באדאנקען פאר רבי שמואל זאנוויל מארקאוויטש זאל זיין געזונט, וואס ער איז א שותף מיט מיר, ער האט ארויסגעגעבן יעצט דעם ספר (**שמן ראש** על חג הסוכות ח"ב) לכבוד די מאורע. און פאר רבי אהרן ווייסבערג וואס האט גענומען א חלק אין די ספרים אויף מסכת עירובין.

*

**מען** שטייט פאר די הייליגע טעג, וואס יעדער יוד גרייט זיך שוין צו. פון חודש אלול אן, הייבט מען שוין אן די הכנות, מען בלאזט שוין שופר יעדן טאג. דער **נייטרא רב** האט פריער געזאגט, אז ווען מען פלאגט זיך אויף תורה, איז תורה עומלת לו (עיין סנהדרין צט:), די תורה פלאגט זיך ווייטער פאר דעם מענטש וואס האט געלערנט תורה. די תורה איז מתפלל פאר אים, די תורה דאווענט פאר אים. עס קען זיין אז דאס האט רב ששת געזאגט, בשעת ער האט גערעדט פון זיין חשיבות, חדאי נפשאי, פריי זיך, האט ער געזאגט, לך קראי, איך האב ווער עס זאל בעטן פאר מיר, ווער עס וועט רעדן פאר מיר, ווער עס וועט ליינען פאר מיר. לך תנאי, די וואס וועלן איבער בעטן די בקשות. א

מענטש איז דאך באגרעניצט וויפיל ער קען בעטן, אבער די תורה קען דאך בעטן זייער אסאך.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן קענען ווייטער עוסק זיין בתורה, לערנען תורה מתוך שמחה און נחת און הרחבת הדעת. מיר זאלן זוכה זיין צו שפירן א טעם אין די תורה, פקודי ה' ישרים משמחי לב. און די תורה זאל עומל זיין פאר אונז, די שעות וואס מיר געבן אוועק פון אונזער פרנסה, צו זיצען און לערנען תורה, זאל די תורה מאכען די דזשא"ב, די תורה זאל אונז זוכען די קאסטומערס, די תורה זאל זוכען פאר אונז וואס מיר דארפן האבן, און מען קען זיך פארלאזן אז די תורה וועט מאכען א גוטע דזשא"ב. דער אייבערשטער זאל געבן, מיר זאלן געבענטשט ווערן מיט א גוט געבענטשט יאר, און א כתיבה וחתימה טובה. מען זאל זעהן שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, און מיר זאלען אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>שבת קודש פרשת שופטים</u>***

בקריאת התורה התקיים הבאוואָרפן של החתן **שלמה** ני"ו, בן הר"ר ***ירמיה טעסלער*** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות להחתן **בעריש געלבשטיין** ני"ו, חתן הר"ר ***מנחם ברוין*** הי"ו.